בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ע"ו

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

די ריקודים פון ר' אהרן קיבליטשער ז"ל
נישט איינגעלאדנט בר קפרא צו די חתונה
מילתא דבדיחותא – אן עבודה!
דעם רב'ס הספד אויף ר' משה אהרן'ען ז"ל
תאוות ממון – ערגער פון אלעס
לאז זיך נישט נארן
'אוי לו למי שהעולם מטעים בו'
ביטול המדמה – על-ידי 'שמחה!'
אזכרה נגינתי בלילה
ווי אזוי משיח וועט איינעמען די וועלט
דעם נייעם ניגון
דער בלינדער שפילער
געמומען פאר אן איידעם, נישט פאר קיין חסיד!
יחוסו של ר' אברהם שטערנהארץ – ממוהרנ"ת

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש #2 ואח"כ #76**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**(מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של **$15** עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ~ פרשת שלח תשל"ה ~

(טייפ מס' 85#)

## די ריקודים פון ר' אהרן קיבליטשער ז"ל

(ר' משה בינענשטאק: אייער שווער ר' אהרן קיבליטשער, פלעגט טאנצן אדער וואס?) **זיין טאנצן האט געהאט עפעס א אנדערן טעם! דער שווער פלעגט טאנצן מיט הימלישע כוחות. ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט צופארן קיין קיבליטש אז מיין שווער זאל אים מאכן פרייליך.**

**נו, זיין עבודה איז געווען געוואלדיג, ער איז געווען א געוואלדיגער עובד. און זיין שמייכל, ווען מען האט דאס געזעהן מיט די אויגן, האט מען געזעהן וואס הייסט מילתא דשטותא!**

**און דא וויל מען מאכן** (ליצנות) **- 'לא באלה חלק יעקב', נישט דאס האט דער רבי געמיינט!**

❖

**אין תורה י' רעדט דער רבי דארטן[א] אז "דאס וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת, איז ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת". זאגט דער רבי: "ולבוא לישוב הדעת איז דורך שמחה; 'ולבא לשמחה' איז דורך 'אזמרה לאלקי בעודי'".**

(קורא בפנים:) **"ולבוא לשמחה הוא על ידי שמוצא בעצמו איזה נקודה טובה על כל פנים, כמבואר על פסוק: 'אזמרה לאלקי בעודי'"! - אזוי קומט מען צו שמחה!**

---

[א] וז"ל שם: מַה שֶׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר – לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'. אַךְ דַּע, שֶׁעַל־יְדֵי מָרָה־שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל־כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל־יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ וכו'... וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא עַל־יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל־כָּל־ פָּנִים, כַּמְבֹאָר עַל פָּסוּק: "אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי" (בְּלִקּוּטֵי הָרִאשׁוֹן, בְּסִימָן רפב), עַיֵּן שָׁם. וְעַל־כָּל־פָּנִים יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ בַּמֶּה שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי... וְגַם לְמַעְלָה נַעֲשֶׂה מִזֶּה יִחוּד גָּדוֹל עַל־יְדֵי בְּדִיחָא דַּעְתֵּהּ!

# נישט איינגעלאדנט בר קפרא צו די חתונה

די גמרא זאגט דאך[ב] אז רבינו הקדוש האט קיינמאל נישט געוויזן קיין פנים שוחקות, און בשעת ער האט געמאכט דארטן די סעודה (חתונה) פון דעם זון, האט ער נישט געבעטן (איינגעלאדן) בר קפרא'ן די ערשטע נאכט (לפי שהיה בר קפרא איש בדחן, ורבי חשש שמא יעשה בר קפרא מעשה שיגרום לו לשחוק).

האט בר קפרא אנגעשריבן אויף די טיר דארטן[ג]... אויף מארגן האט ער אים שוין יא פארבעטן. ווען מען האט אריינגעברענגט דארטן די מאכלים האט בר קפרא געזאגט אזוי פיל מילתא דבדיחותא (משלים), זענען אלע מאכלים געבליבן, מען האט נישט געגעסן (משום שהמשלים היו ערבים להם), רבינו הקדוש האט נישט געוואוסט פארוואס, (ושאל לשמשיו על זה, והשיבו לו:) איינער איז דא דארטן א זקן, ער זאגט אזוי פיל אז קיינער וויל נישט עסן, ווערן קאלט די מאכלים.

(שאל רבי לבר קפרא:) פארוואס טוסטו דאס? (ענה:) צו ווייזן אז נישט דערפאר האב איך מקפיד געווען אז דו האסט מיר נישט גערופן (- ווייל איך וויל עסן אזא סעודה), נאר איך זאל נישט האבן קיין שייכות מיט די [חברים]!

נאכדעם האט ער אים געפרעגט[ד] (בר קפרא לרבי): 'מאי תועבה וכו'? (עי' בהערה תוכן הסיפור - שלבסוף אמר בר קפרא לרבי:) נאכדעם וואס דו וועסט טאנצן (- אזי אומר לך).

---

[ב] נדרים נ' ע"ב

[ג] כך היא הגירסא במדרש רבה, ויקרא כח, ב, וז"ל שם: "רבי שמעון ברבי נסב איתתא, צווח רבי לכל רבנן, ולא צווח לבר קפרא. כתב ליה על תרע ביתיה: אחר שמחתך אתה מאית, מה יתרון לשמחתך. נפק רבי, אסתכל ביה, אמר: מאן הוא דין דלא צווחינן ליה דכתיב אלין מילין? אמרו ליה: בר קפרא! אמר, למחר אנא עביד אריסטון בגופיה, עביד אריסטון, וצווח ליה, כיון דעלון אורחין, יתבין למיגס, כיון דהוה מגיסא, עליל. הוה אמר עליה תלת מאוון דמתלין על הדין תעלה, והוי צנין ולא טעמין אורחין כלום. אמר רבי למשמשנוי: למה מגוסיא נפקין ולא מטעמין? אמרין ליה: אית תמן חד גבר סב, וכיון דמגוסי עליל - הוה אמר תלת מאוון דמתלין על הדין תעלה - והוא צנין. סליק רבי לגביה, א"ל, בגין מה את לא תשבוק אריסיא דיגסון? אמר דלא תימר למיגס אתיתי, אלא על דלא צווחת יתי עם חבירי!", עכ"ל.

[ד] עי"ש בגמ' נדרים נ"א., וז"ל שם: בֶּן אֶלְעָשָׂה - חַתְנֵיהּ דְּרַבִּי הֲוָה, וְעָשִׁיר גָּדוֹל הָיָה, [אַזְמְנֵיהּ] לְבֵי הִלּוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר רַבִּי. אָמַר לֵיהּ בַּר - קַפָּרָא לְרַבִּי, מַאי, (ויקרא כ) "תּוֹעֵבָה"? כָּל דְּאָמַר לֵיהּ רַבִּי דְּהָכִי הוּא "תּוֹעֵבָה", אַקְשֵׁיהּ בַּר - קַפָּרָא, אָמַר לֵיהּ (רבי), פָּרִישׁ אַתְּ. אָמַר לֵיהּ, תֵּיתִי דְּבִיתְהוּ, תִּרְמִי לִי נַטְלָא! אַתְיָא, רַמְיָא לֵיהּ. אָמַר לֵיהּ לְרַבִּי, קוּם רְקוֹד לִי וְאוֹמַר לָךְ... הָכִי אָמַר רַחֲמָנָא, "תּוֹעֵבָה" - תּוֹעֶה אַתָּה בָּהּ. לְכַסָּא אַחֲרִינָא, אָמַר לֵיהּ, מַאי (שם יח) "תֶּבֶל"? אָמַר לֵיהּ כְּעִנְיָנָא קַדְמָאָה. אָמַר לֵיהּ, עָבֵיד לִי דְּאֵימַר לָךְ. עָבֵיד, אָמַר לֵיהּ, "תֶּבֶל הוּא" - תַּבְלִין יֵשׁ בָּהּ? מִי שָׁנְיָא הָדָא בִּיאָה מִכֻּלְּהוֹן בִּיאוֹת? וּמַאי (שם יט) "זִמָּה"? אָמַר לֵיהּ, עָבֵיד וְכוּ' אָמַר לֵיהּ, זוֹ מָה הִיא? וכו'.

די גמרא דארטן אין נדרים זאגט[ה] אז רבינו הקדוש האט געבעטן אז ער זאל נישט זאגן קיין מילתא דבדיחותא. רבינו הקדוש - אז ער האט געוויזן א פנים שוחקות איז געווען עפעס א דין - זאגט די גמרא דארטן.

❖

## מילתא דבדיחותא - אן עבודה!

'שמחה' איז א גרויסע זאך[ו], נאר וואס דען? די שמחה איז אויך דאס אייגענע; אז מען האלט זיך צוזאמען - מאכט מען זיך אמאל פריילך אזוי, דאס הייסט א מילתא דבדיחותא! נאר עס איז דא זאכענישן וואס אַך... (- ס'טויג נישט!). נאך א מילתא דבדיחותא דארף דאך ווערן עפעס א זאך, נאך די פרקים מילתא דבדיחותא האט מען זיך גענומען לערנען[ז], מען האט אנגעהויבן צו רעדן השגות אלקות.

אז מען זעהט אז די מילתא דבדיחותא רופט אויס אזוינס - ס'הויבט אויף דעם מח, ער קען שוין קומען צו ישוב הדעת, הייסט עס א מילתא דבדיחותא[ח] - אז נישט, איז עס פשוט ליצנות.

---

[ה] וז"ל שם: רַבִּי עָבַד לֵיהּ הִלּוּלָא לְרַבִּי שִׁמְעוֹן בְּרֵיהּ, (ולא אזמניה לבר - קפרא), כְּתַב עַל בֵּית גְּנָנָא, עֶשְׂרִים וְאַרְבָּעָה אַלְפִּין רִבּוֹאִין דִּינְרִין נַפְקֵי עַל בֵּית גְּנָנָא דֵּין, וְלָא אַזְמְנֵיהּ לְבַר - קַפָּרָא. אֲמַר (להון) [לֵיהּ,] אִם לְעוֹבְרֵי רְצוֹנוֹ כָּךְ, לְעוֹשֵׂי רְצוֹנוֹ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה? אַזְמְנֵיהּ. אֲמַר, לְעוֹשֵׂי רְצוֹנוֹ - בָּעוֹלָם הַזֶּה כָּךְ, לָעוֹלָם הַבָּא עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה? יוֹמָא דִּמְחַיֵּךְ בֵּיהּ רַבִּי, אַתְיָא פּוּרְעָנוּתָא בְּעָלְמָא. אֲמַר לֵיהּ לְבַר - קַפָּרָא, לָא תְּבַדְּחָן, וְיָהֵיבְנָא לָךְ אַרְבְּעִין גְּרִיוֵי חִיטֵּי וכו'..., אָחִיךְ רַבִּי. אֲמַר לֵיהּ, לָאו אַזְהַרְתִּיךְ דְּלָא תְּבַדְּחָן? אֲמַר לֵיהּ, חִיטֵּי דְּרַשִּׁינָן קָא נָסֵיבְנָא. אֲמַר לָהּ בַּר - קַפָּרָא לִבְרַתֵּיהּ דְּרַבִּי, לְמָחָר שַׁתְיָנָא חַמְרָא בְּרִיקוּדָא דְּאָבוּךְ, וּבְקוּרְקְנֵי דְּאִמֵּךְ:

[ו] עי' ליקו"מ תנ' כ"ד, וזל"ק שם: מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד! וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ. ובהמשך כתב שם: וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד בְּכָל הַכֹּחוֹת, לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד. כִּי טֶבַע הָאָדָם - לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים, עַל־כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא!

[ז] עי' זוה"ק תזריע, דף מז:

[ח] עי' בליקו"ה נפילת אפים ה"ד, אות ה', וזל"ק: וְזֶהוּ הָעִנְיָן מַה שֶּׁהָיוּ נוֹהֲגִין כָּל הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ שֶׁעַל-פִּי רֹב הָיָה לָהֶם אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ כְּמוֹ בַּדְחָנִים, וְהָיוּ עוֹשִׂים לְפָנִים כָּל מִינֵי צְחוֹק וּשְׁטוּת כַּמְפֻרְסָם וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל שִׂמְחָה, כִּי אֵין דָּבָר מַזִּיק לַעֲבוֹדַת ה' כְּמוֹ הָעַצְבוּת, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים וּמִגֹּדֶל מְרִירַת וְצָרוֹת הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה בְּגוּף וְנֶפֶשׁ וּמָמוֹן אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה כִּי אִם עַל-יְדֵי מִילֵּי דִּשְׁטוּתָא דַּיְקָא כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת מִילֵּי דִּבְדִיחוּתָא שֶׁהָיוּ נוֹהֲגִים הַתַּנָּאִים וַאֲמוֹרָאִים הַקְּדוֹשִׁים קֹדֶם הַלִּמּוּד כְּדֵי לָבֹא לְשִׂמְחָה עַל-יְדֵי מִילֵּי דִּבְדִיחוּתָא שֶׁהֵם מִילֵּי דִּשְׁטוּתָא דַּיְקָא. וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתוּב בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא דַּף מז,) שֶׁרַב הַמְנוּנָא סָבָא הֲוָה מְסַדֵּר קָמֵי חַבְרַיָּא פִּרְקָא דְּמִילֵּי דִּשְׁטוּתָא, הַיְנוּ כַּנַּ"ל. ושם בהמשך כתב: וְעַל-כֵּן מֵחֲמַת שֶׁעַכְשָׁיו הַשִּׂמְחָה בַּגָּלוּת הִיא מְלֻבֶּשֶׁת בְּמִלִּין דְּעָלְמָא שֶׁהֵם מִלִּין דִּשְׁטוּתָא עַל-כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לָבוֹא לְשִׂמְחָה לִשְׂמֹחַ בִּקְדֻשַּׁת יַהֲדוּתוֹ בְּמַה שֶּׁזָּכָה לִהְיוֹת מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל וְלֹא עָשַׂנִי גּוֹי אִי אֶפְשָׁר לָבֹא לְשִׂמְחָה כִּי אִם עַל-יְדֵי מִילֵּי דִּשְׁטוּתָא דַּיְקָא! כִּי לְשָׁם נָפְלָה הַשִּׂמְחָה מֵחֲמַת גָּלוּת הַשְּׁכִינָה שֶׁהוּא שִׂמְחָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל וְעַל-כֵּן אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי כְּשֶׁמְּשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ עַל-יְדֵי מִילֵּי דִּשְׁטוּתָא אֲזַי נַעֲשֶׂה מִזֶּה תִּקּוּן גָּדוֹל בְּחִינַת עֲלִיַּת נִיצוֹצֵי הַשְּׁכִינָה מִגָּלוּתָהּ! עי"ש עוד בפנים.

דער רבי זאגט דאך: ליצנות איז דער 'פתח הטומאה'[ט]. וואס איז מילתא דבדיחותא? ליצנות? דאס איז פתח הטומאה, 'תחילתן יסורין וסופן כליה!'[י]

ווי קען מען זאגן אז מילתא דבדיחותא מיינט מען ליצנות!? זאגן ווערטלעך!? דאס הייסט מילתא דבדיחותא? דאס הייסט דאך ליצנות!

אין דעם אליין ליגט אויך עפעס אן עבודה - אין די מילתא דבדיחותא. חז"ל רעדן נאך פון מילתא דבדיחותא - וואס דער עולם הבא איז געווען פאר זיי - די צוויי בדחני[יא].

מען קען אמאל זאגן, א צדיק איז אזוי, (במוחין דקטנות), הויבט אים אויף דעם מח מיט א מילתא דבדיחותא, דעמאלט איז עס א געוואלדיגע המתקת הדינים, דאס איז א גרויסע זאך. אבער דאס נאך-טאן?! טוה איך טאקע נאך וואס מען דארף?! מיר (- כלומר: אנשים כערכנו) ווייסן נישט ווי אזוי דאס נאכצומאכן!

מען קען מקיים זיין די תורה (י' תניינא הנ"ל): "ולבא לשמחה" - דורך די תורה 'אזמרה לאלקי בעודי'.

❖❖❖

## דעם רב'ס הספד אויף ר' משה אהרן'ען ז"ל

(ר' נחמן בורשטיין: ר' משה אהרן, דער כהן[יב], פון חולון, ווען ער פלעגט אריינקומען אין שול, האט ער געכאפט עמיצן - ווען ער האט געטראפן דעם ערשטן, אמאל האט ער מיט מיר, אמאל ר' שמואל שפירא, איינמאל דעם, אמאל דעם, און געטאנצט אזוי, ער האט נישט נאכגעלאזט, א פינעף-צעהן מינוט נאכאנאנד. אנגעהויבן א ניגון - און געטאנצט) יא יא, ער איז געווען א גענעראל ביי די פוילישע (בעת מלחמת העולם השניה), אין חולון האט ער געוואוינט (אחר שעלה לארה"ק), און דער רב פון חולון האט אים מספיד געווען, איך בין געווען ביי די לויה אין בני ברק.

---

[ט] עי' אוצר היראה, ערך 'ליצנות': "אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי מִשֵּׁם בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת' זַ"ל שֶׁאָמַר בְּעַל־פֶּה, שֶׁעִקַּר הַטֻּמְאָה וּפֶתַח הַטֻּמְאָה הוּא לֵיצָנוּת, וְאַסְמְכֵהּ אַדִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל שֶׁאָמְרוּ (במס' יומא לח, ב): **הַבָּא לְטַמֵּא** פּוֹתְחִין לוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ" וְכוּ', הַשֵּׁם יַצִּילֵנוּ!

[י] לשון הגמ' ע"ז י"ח:

[יא] עי' גמ' תענית כב.

[יב] ר' משה אהרן הכהן האלבערסבערג מלובלין, נין ונכד להחוזה זי"ע, לא זכה לזש"ק. נפטר ביום י"ז באלול תשכ"ב ונטמן בבית הקברות שומרי שבת בבני ברק.

ער האט געארבעט דארטן, ער פלעגט ארומפארן (און באזארגן) תפילין ציצית און ער האט מל געווען אסאך הונדערטער קינדער.

(רנ"ב: ער איז געווען א מוהל?) ניין! ער האט געזעהן קינדער וואס מען האט נישט גע'מל'עט, האט ער געבראכט געלט (פאר מוהלים), אויסגעהאלטן, האט ער גע'מל'עט עפעס א גרויסן סכום קינדער, הונדערטער קינדער האט ער מל געווען.

ער האט געהייסן מען זאל ארייגלייגן אין קבר אריין די אלע נעמען פון די קינדער וואס ער האט מל געוועזן. האט אים דער רב מספיד געווען, דער רב פון חולון, א ערליכער איד - דער רב, האט ער געוויינט - זאגט ער: 'איך שעם זיך פאר דעם אידן, איך שעם זיך פאר אים, ער פלעגט ארייננקומען פארטאג אין שול אריין, האט ער אויסגעוואשן מיט טרערן זיין פנים; טרערן האט ער פארגאסן אלע טאג אין שול! וואו האבן מיר היינט אזא מין אידן?! איך טוה עס?! ווער טוט עס!? אלע פארטאג זיין אין שול דער ערשטער און אויסגיסן טרערן!' - דאס איז א הספד געווען; 'איך שעם זיך פאר דעם אידן!'.

זיין פאטער ליגט דא אין ירושלים. ער איז געווען א בעל תשובה, א גאנצע מעשה איז געווען מיט אים, ער איז געווען גאר ווייט, און דורך וואס ער איז געווארן מקורב וויים איך נישט, איך וויים נאר אז ער איז געווארן זייער ווייט, און (דערנאך) איז ער געווארן א ברסלב'ער חסיד.

ער איז געווען אזוי ווייט (קודם שחזר), אז דער פאטער האט נישט געוואלט וויסן פון אים אינגאנצן, (ער האט אים) אינגאנצן מפקיר געווען, ער איז גארנישט קיין זון, אזוי ווייט איז ער געווען.

דער פאטער איז געווען א ערליכער איד, דער פאטער האט נישט געוואוסט אז ער איז געווארן א בעל תשובה, בשעת דער פאטער האט געלעבט איז ער געווען זייער ווייט, ער איז געווארן מקורב דורך איינעם פון אונזערע לייט. ער איז געווען א לובלינער. אה, און אזוי פיל טרערן (פלעגט ער) געבן פארן אויבערשטן, אזוי פיל טרערן!

ער איז איינמאל געווען אויף ראש השנה דא (בירושלים), איך האב נישט געהאט וועמען צוצושיקן צום עמוד ביז 'המלך', האב איך אים געהייסן צוגיין, אוי - האט ער געלייגט טרערן, האט ער געזאגט א נשמת - א נשמת מיט אזעלכע טרערן. האבן

דעמאלט אלע געזאגט: 'אזא נשמת (האבן מיר) נאך נישט געהערט'! ער האט אוועקגעלייגט א נשמת! און ביז ס'איז געקומען צו המלך (האט געדויערט אסאך...), אה!

ער האט פארזוכט, ער האט פארזוכט פון די מטעמים, פון די מאכלים, פון די קעך, די קעך קאכט מאכלים, האט ער פארזוכט פון די מאכלים[יג].

❖

דער רבי רעדט אז די מאכלים ווארפט אוועק די תאווה פון געלט, (אבל באמת) 'עס ווארפט אוועק אנדערע תאוות אויך' ווייזט אוים. דער רבי רעדט נאר אז די תאווה פון געלטווארפן זיי אוועק; ווער עס פארזוכט די מאכלים, האט פיינט געלט! אבער עס ווייזט אוים, אז מען האט אנדערע תאוות אויך פיינט - אז מען פארזוכט פון די מאכלים.

'עס איז דא אן ארט', זאגט דער רבי, 'הייסט עס קעך, שקורין קעך, און די מאכלים ווערן געקאכט דורך די קעך, און עס איז גאר ווייט, איינס פון אנדערן איז זייער ווייט[יד], און ווער עס פארזוכט די מאכלים האט ער פיינט געלט!' פלעגן זאגן אונזערע לייט: 'אז מען האט פיינט געלט האט מען אנדערע זאכן אויך פיינט!'.

דער רבי זאגט: 'מען האט פיינט געלט' - ווייל דער רבי רעדט דאך דארט אז פון אנדערע תאוות קען מען ארוים (גם בלי הדרך של החרב, אבל) פון די תאווה (פון געלט קען מען נישט ארוים) נאר דורך 'דעם וועג', קומט אוים, אז (ארויסגיין פון די תאוה פון) געלט איז 'נאר' דורך דעם וועג, אבער אנדערע (תאוות) ווארפט עס אוודאי אוועק!

דאס איז דער טבע פון די מאכלים (עצות ותורות) פונעם רבי'ן: אז מען פארזוכט פון די מאכלים האט מען פיינט געלט!

❖

---

[יג] ע"פ ספה"ק סיפורי מעשיות, מעשה י"ב - מהבעל תפילה, עי"ש.

[יד] וז"ל שם: און ווידער פון דער זייט איז נאך פארהאנדין א וועג. קומט מען מיט דעם וועג צו איין ארט וואס סע הייסט קעך. און דארט אין דער קעך איז פארהאנדין אלירליי מאכלים. און אין דער קעך איז קיין שום פייער ניט פארהאנדין. נאר די מאכלים ווערין גיקאכט דארך דעם בארג פון פייער הנ"ל און דער בארג פון פייער איז פון דארט זייער ווייט. נאר סע גייען שטעשקים און אזו ווי רינווים פון דעם בארג פון פייער צו דער קעך. און דארך דעם ווערין גיקאכט אלע מאכלים הנ"ל.

# תאוות ממון – ערגער פון אלעס

(ר' נתן אנשין: פארוואס איז תאוות ממון די ערגסטע תאוה?) ווייל עס נעמט צו די צייט!

אנדערע תאוות נעמען נישט צו די צייט, אנדערע תאוות - ביז וויפיל צייט גיט מען אוועק!? אבער דאס גיט אוועק די גאנצע צייט.

דער רבי זאגט טאקע, זיי האבן געזאגט די לייט פון די מדינה: 'ווייטער האב איך נישט קיין צייט מיט איך צו רעדן, (באשר) איך דארף אוועקגיין זעהן ווי אזוי מען מאכט נאך געלט', די תאוות ממון נעמט צו די צייט!

רבי נתן שרייבט דאך אין א הלכה אז די עונש פון פגם הברית איז, אז ער פאלט אריין אין תאוות ממון![טו]

דער רבי זאגט אויך אזוי אין תורה כ"ג: 'ויאמר השמד', מען פאלט אריין אין תאוות ממון[טז], דאס איז דער עונש! וויבאלד דורך תאוות ממון האט ער נישט קיין צייט צו טאן תשובה. אויב ער האט נאר 'תאוות פגם הברית', ער האט נישט קיין תאוות ממון, האט ער נאך צייט צו טאן תשובה, אבער (כשנופל בתאוות ממון) האט ער נישט קיין צייט צו טאן תשובה.

דער רבי זאגט אין תורה כ"ג אז אלע ע' עבודה זרה'ס ליגן אין תאוות ממון, די שכינה שרייט אוים ק"מ קלין, צוויי מאל ע' קלין, אויף די וואס פאלן אריין אין תאוות ממון, צוויי מאל ע' קלין[יז].

---

[טו] עי' ליקו"ה קידושין ה"ג, אות ג', וז"ל שם בא"ד: "וּכְשֶׁנּוֹפֵל, חַס וְשָׁלוֹם, וְנִשְׁתַּקֵּעַ בְּתַאֲוַת מָמוֹן אָז חַס וְשָׁלוֹם, כִּמְעַט אֶפֶס תִּקְוָה לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם. וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁהֵבֵאתִי לְעֵיל דִּבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבַּעַל תְּפִלָּה שֶׁאָמַר שֶׁמִּי שֶׁנּוֹפֵל לְתַאֲוַת מָמוֹן אִי אֶפְשָׁר לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם, וּמִכָּל הַתַּאֲוֹות יְכוֹלִין לְהוֹצִיא, אֲפִלּוּ מִתַּאֲוַת נִאוּף, חוּץ מִתַּאֲוָה זֹאת שֶׁל מָמוֹן, וּבָזֶה גָּרוּעַ תַּאֲוַת מָמוֹן גַּם מִתַּאֲוַת נִאוּף, כִּי תַּאֲוַת מָמוֹן הִיא עִקַּר הַנְּפִילָה שֶׁל הָאָדָם שֶׁבָּא לוֹ עַל יְדֵי תַּאֲוַת נִאוּף, הַיְנוּ מִי שֶׁלֹּא הִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּפָגַם בְּתַאֲוַת נִאוּף, אֲזַי עֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה, וּכְשֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לְהִתְגַּבֵּר לָשׁוּב אֲזַי מַפִּילִין אוֹתוֹ נְפִילָה גְּדוֹלָה, דְּהַיְנוּ שֶׁמַּפִּילִין אוֹתוֹ לְתַאֲוַת מָמוֹן, וְנוֹפֵל עָלָיו עֹל הַפַּרְנָסָה וְרִבּוּי הִצְטָרְכוּתוֹ, וּבָאִין עָלָיו טְרָדוֹת גְּדוֹלוֹת וִיגִיעוֹת רַבּוֹת וּדְאָגוֹת עֲצוּמוֹת וְכַעַס וּמַכְאוֹבוֹת וּבִלְבּוּלִים רַבִּים בְּעִנְיַן הַמָּמוֹן... וְאָז כְּשֶׁנִּטְרָד בְּתַאֲוַת מָמוֹן אָז אִי אֶפְשָׁר לְהוֹצִיאוֹ מִשָּׁם עוֹד כִּי אִם עַל יְדֵי הַדֶּרֶךְ שֶׁיֵּשׁ לְהַגִּבּוֹר הַנַּ"ל אִם יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיק גָּדוֹל וְנוֹרָא כָּזֶה שֶׁיֵּדַע מֵהַדֶּרֶךְ הַזֶּה!!!" עכ"ל.

[טז] שם באות ג': וְזֶהוּ (דְּבָרִים ל"ג): "וַיְגָרֶשׁ מִפָּנֶיךָ אוֹיֵב", מִפָּנֶיךָ דִּקְדֻשָּׁה, "וַיֹּאמֶר הַשְׁמֵד" לְשׁוֹן שְׁמָד, לְשׁוֹן עֲבוֹדָה זָרָה, הַיְנוּ תַּאֲוַת מָמוֹן! כִּי כָּל יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים צַדִּיקִים, עַל שֵׁם הַבְּרִית. וּבִשְׁבִיל זֶה, כְּשֶׁמְּגָרֵשׁ מִפְּנֵיהֶם דִּקְדֻשָּׁה, אֶת הָאוֹיֵב, הוּא מַפִּיל אוֹתָם הָאוֹיְבִים, בִּפְנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא, הַיְנוּ הַשְׁמֵד:

[יז] עי"ש אות א': "כִּי כָּל עֲבוֹדוֹת זָרוֹת תְּחוּבִים בְּמָמוֹן! וּבִשְׁבִיל זֶה מָמוֹן עִם אוֹתִיּוֹתָיו גִּימַטְרִיָּא ק"ם, כְּנֶגֶד ק"ם קָלִין, שֶׁהַשְּׁכִינָה צוֹוַחַת: 'קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי! קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי'! (סַנְהֶדְרִין מ"ו) עַל אֵלּוּ הַנּוֹפְלִים בְּתַאֲוַת מָמוֹן, שֶׁהֵם עֲבוֹדָה זָרָה כְּלוּלִים מֵעֲבוֹדוֹת זָרוֹת שֶׁל שִׁבְעִים אֻמּוֹת".

**אויך דערפאר: ווייל תאוות ממון – עס איז דא א ווארט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס אז דער בעל דבר וויל איינעם צונעמען די צייט** (אזי אומר לו הבע"ד:) **'איך וועל דיר געבן געלט פאר די צייט' - נו, פאר געלט גיט ער אוועק די צייט. נאכדעם נעמט ער ביי אים צו די געלט, בלייבט ער - אן צייט און אן געלט און אן גארנישט!**

**פריער גיט ער אים אוועק געלט פאר די צייט, ער וועט נישט אוועקגעבן צייט אזוי** (סתם)**. נאך דעם נעמט ער אים צו די געלט צוריק, בלייבט ער אן צייט און אן געלט, אוי!**

(רנ"ב: דאכט זיך מיר, מען ברענגט פונעם בעל שם טוב, 'הצילני מדמים אלקים'[יח], הצילני אז פון די דמים זאל נישט ווערן קיין אלקים, עס זאל נישט ווערן די געלט א גאט) **מאכן פאר א עבודה זרה, יא יא.**

**בשעת דער בעל תפילה האט זיי געזאגט: איך האב מורא אויף ווייטער[יט], איך האב מורא אויף ערגערס, און זיי האבן געמאכט גאטן - אויף דעם האט ער מורא געהאט! פארוואס? ווייל ביז גאטן,** (ווי לאנג) **ער איז נאר א שר - וואספארא גרויסער, איז נאך דא א העכערער כח פון אים, אבער גאטן איז שוין קיין גרעסערער כח פון אים נישטא.**

**אויב ער האט נאך א העכערן כח, קען ער נאך אמאל נתפעל ווערן פון א בעל תפילה אויך, אבער גאטן - איז שוין קיין העכערער כח נישטא מוז ער שוין האבן דעם כח פונעם גיבור און די וועג פון דעם שווערד! דאס איז א אנדערער וועג!**

**דאס איז די זאך: אז איך מאך די געלט פאר גאט אליין, איז ממש די גרעסטע כוחות האב איך אוועקגעגעבן פאר געלט.** (רנ"ב: אויף דעם האט געזאגט דער בעל תפילה: פאר דעם האב איך מורא!) **'דערפאר האב איך מורא!'**

❖

[יח] עי' באר מים חיים – בראד; מידות הקדושה, פ"ד. ובאילנא דחיים, אור הנר; ענינים נוראים, ד"ה: 'בשם'.

[יט] עי"ש בהמשך המעשה, וז"ל שם: "**הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ מֶער פַּאר פִּירְט וֶוערִין וַוייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין** (כַּנַ"ל)**. הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין: הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט!** (דְהַיְינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

# לאז זיך נישט נארן

מען זעהט טאקע אזוי, דער גאנצער בילבול וואס א מענטש האט טאקע; וואס מיינט מען תאוות ממון? מען מוז דאך חתונה מאכן די קינדער, די קינדער געבן לערנען (שכר לימוד), וואס מיינט דער רבי תאוות ממון!? האט מען דעמאלט גערעדט אז א מענטש האט עפעס א סכסוך פון געלט, עס קומט צו א שמונה עשרה און עס איז אים גארנישט מבלבל דער סכסוך, ער האט נישט קיין שום בילבולים, (איז דאס א סימן אז) האט ער נישט קיין תאוה דערפון, (אבער) טאמער דערלאנגט עס אים, ער קען נישט דאווענען דערפון, ער קען נישט לערנען דערפון, עס דערלאנגט אים אזוי, דאס הייסט שוין תאוות ממון.

ער קען זיך אפנארן; 'אויף וואס דארף איך שוין געלט?!' - ער איז אן ארימאן, ער האט נישט וואס צו עסן, ער עסט א שטיקל ברויט מיט וואסער, מיינט ער, אז ער האט צובראכן תאוות אכילה, מארגן וועט מען אים געבן א גוטן פרישטאג וועט ער גוט עסן.

אבער בשעת ער האט נישט, מיינט ער, אז ער האט צובראכן תאוות אכילה - דאס איז גענארט.

אז איינער קען נישט שלאפן, ער איז נישט געזונט, (מיינט ער) אז ער האט צובראכן די תאוות שינה; ער קען דאך נישט שלאפן, און מארגן אז ער ווערט געזונט, שלאפט ער אפ - דארף מען האבן גרוים רחמים מען זאל זיך נישט אפנארן.

עס איז פארהאן אמאל – 'די תאוות ווארפן מיר אוועק', נישט 'איך ווארף אוועק די תאוות', זיי ווארפן מיך אוועק, ממילא (רעד איך מיך איין) 'איך האב זי שוין צובראכן'[כ].

עס שטייט פון רבי'ן ר' אלימלך: "עס קומט דער עלטער, קען ער נישט שלאפן, מיינט ער אז ער האט צובראכן תאוות שינה; ער קען נישט עסן וכו', נמצא גייט ער אוועק אן תשובה".

---

[כ] עי' שיחות הר"ן נ"ו: יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁנִּדְמֶה עֲלֵיהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מֵאֵיזֶה תַּאֲווֹת גְּדוֹלוֹת כְּגוֹן מִתַּאֲוַת מָמוֹן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה. דַּע שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא גָּרוּעַ יוֹתֵר מֵחֲבֵרוֹ שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בְּאוֹתָהּ הַתַּאֲוָה, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה תַּאֲוָה אַחֶרֶת שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בָּהּ כָּל־כָּךְ עַד שֶׁאֲפִלּוּ תַּאֲוַת מָמוֹן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שֶׁהִיא תַּאֲוָה גְּדוֹלָה מְאֹד נִתְבַּטְּלָה אֶצְלוֹ כְּנֶגֶד אוֹתָהּ הַתַּאֲוָה, נִמְצָא שֶׁהוּא גָּרוּעַ יוֹתֵר כִּי הוּא מְשֻׁקָּע כָּל־כָּךְ בְּאֵיזֶה תַּאֲוָה עַד שֶׁאֲפִלּוּ תַּאֲוָה גְּדוֹלָה שֶׁל מָמוֹן וְכַיּוֹצֵא נִתְבַּטֵּל אֶצְלוֹ מֵחֲמַת הַתַּאֲוָה. וַאֲפִלּוּ אִם הָיְתָה הַתַּאֲוָה שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בָּהּ קְטַנָּה מִתַּאֲוָה הָאַחֶרֶת שֶׁהוּא רָחוֹק מִמֶּנָּה, עִם כָּל זֶה אֵין נַפְקָא מִנָּהּ כְּלָל מֵאַחַר שֶׁהוּא מְשֻׁקָּע בָּהּ כָּל־כָּךְ עַד שֶׁתַּאֲוָה גְּדוֹלָה נִתְבַּטֵּל אֶצְלוֹ עַל־יְדֵי־זֶה כַּנִּזְכָּר לְעֵיל.

דער מענטש דארף האבן ביי זיך - פירן אזא מין חשבון: 'וואו האלט איך אין דער וועלט!? דער 'וואו האלט איך אויף דער וועלט'! כאטשיג איך זעה אז עס איז נישט אזוי בסדר, איז לאמיך כאטש וויסן! לאמיך נישט זיין קיין 'עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס'[כא], לאמיך דאס נישט זיין!

דער ענין פון התבודדות - אסאך זאכן גיט עס אריין: קודם גיט עס אריין א זאך - זאל איך טאקע ווערן בעסער, און ווידער; איך ווייס כאטש וואו איך האלט, איך קען זיך כאטש, איך פיר א חשבון. איי, יענער מיינט? אבער איך ווייס דאך וואס מיט מיר טוט זיך.

❖

## 'אוי לו למי שהעולם מטעים בו'

עס איז דא א טייטש דארטן: 'אוי לו למי שהעולם מטעים בו'[כב]; די וועלט מאכט אים אז ער זאל זיך אפנארן, העולם מטעים בו פארוואס שטייט העולם 'מטעים' בו? (ס'וואלט געדארפט שטיין) העולם 'טועים' בו! (נאר) די וועלט מאכט אים אז ער זאל זיך אפנארן - אז די גאנצע וועלט האלט פון אים, (טראכט ער:) אז די וועלט האלט פון מיר, איז א סימן אז עס איז טאקע אזוי, (קומט אויס:) מאכט די וועלט אים אפנארן זיך[כג].

אפילו כל העולם[כד] זאגט אז דו ביסט א צדיק, (עכ"ז) דו זאלסט זיין ביי דיר (הֱיֵה בעיניך כרשע).

---

[כא] גמ' סוטה כב:

[כב] מרגניתא דבי רב (דרבי מאיר)

[כג] עי' בספה"ק אור המאיר פר' חוקת מש"ש: ונראה בדרך צחות, אשר בכאן מוסר השכל לאנשים המתנשאים ומתפארים לקרותם בשם רבי, כאשר נוהג עתה בדור הזה, רבים הם עמי הארץ אשר לא ידעו בין ימינם לשמאלם, ועם כל זה קונים שם לעצמם שם רבי, ובארתי מאמרם ז"ל (במרגניתא דר' מאיר), אוי לו למי שהעולם מטעים בו, ולכאורה הענין תמיה: וכי מה חטא זה שהעולם מטעים בו, ראוי 'להם' לשון ה'אוי', שהטעות נגד פניהם - לטעות באיש בער ולא ידע, אמנם האיש שהעולם טועים בו, נקה מעון ולא פעל שום רע בזה שהעולם בטעות, ולמה לקרות עליו: אוי? אמנם באמת ידע אנוש בנפשו, או צדיק גמור הוא או רשע, ואם כן מהראוי אפילו אלף אנשים שלא הריחו בו ואינם מכירים את מעשיו, ומשבחים אותו לקרותו בשם רבי, האמת שהטעות נגד פניהם, על כל פנים למה לו להתענג מזה, ונפשו יודעת מאוד ששקר ענו בפיהם, ואין האמת אתם, ואל יכנס הטעות בקרבו שראוי באמת לקרותו בשם רבי, ומי שנבער מדעת והעולם מכניסים בקרבו את הטעות, בודאי אוי לו ואוי לנפשו רעה, כי ידע אנוש בנפשו אם צדיק הוא או רשע, ולזה כיוונו רז"ל אוי לו שהעולם מטעים בו, פועל יוצא, כלומר מכניסים בקרבו את הטעות, והוא ידע האמת, ועם כל זה תועה מדרך השכל וקונה לעצמו שם רבי, ורצונו ליהנות עצה ממנו, וכל העולם יטריחו בשבילו במזון וכסות וכל צרכיותיו המרובים! עי"ש.

[כד] עי' גמ' נדה ל: "ואפילו כל העולם כולו אומרים לך: 'צדיק אתה!' - היה בעיניך כרשע".

ער איז א גרויסער מפורסם, מען זאגט אויף אים אז ער איז א צדיק; דו לאז זיך נישט נארן! 'העולם מטעים בו', מען מאכט אים אפנארן.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א גוטן ישוב הדעת, און באמת בעטן דעם אויבערשטן - מען זאל זיך נישט לאזן נארן!

'דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר - איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!'[כה] דאס האט דער רבי געזאגט 'די וועלט נארט!'[כו] וואס הייסט די וועלט נארט? אט דאס רעדט מען דא, די וועלט נארט אפ; ס'קומט די גאנצע וועלט און האלט פון מיר, נארט מיר די גאנצע וועלט, די וועלט נארט מיך אפ.

- די וועלט נארט אפ!

דו אליין זאלסט פירן א חשבון ביי זיך, זאלסט גארנישט נתפעל ווערן פון די גאנצע וועלט; מען שרייבט: 'דער צדיק, דער קדוש, אספקלריא המאירה, מנורה הטהורה' - דו ווייס דער אמת, דו לאך זיך אויס דערפון.

אויבן לאכט מען זיך אויס פון די אלע זאכן, מען קען אויסשרייבן פאר אביסעלע טינט - פאר א פיאסטער - קען מען אויסשרייבן אלצדינג!

(חסר ההמשך).

## ביטול המדמה - על-ידי 'שמחה!'

(מתוך שיעור בבית מדרשנו, בתורה נ"ד אות ו')

'ולהכניע הכח המדמה'[כז], האלטן מיר דא.

---

[כה] עי' ליקו"ה אישות ה"ד, ל"ד: וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּטוּבוֹ וּבְרַחֲמָיו הַקְּדוּמִים וְהוֹדִיעַ לָנוּ עַל-יְדֵי צַדִּיקָיו הָאֲמִתִּיִּים, וְגַם הֶרְאָה לָנוּ בַּחוּשׁ לְמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ שֵׂכֶל מְעַט שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה מָלֵא יִסּוּרִים, לְמַעַן נֵדַע לִבְלִי לְהָנִיחַ לְהַטְעוֹת עַצְמֵנוּ, חַס וְשָׁלוֹם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא תַּנִּיחוּ עַצְמְכֶם לְהַטְעוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם! כִּי הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי! כִּי אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה סוֹפוֹ טוֹב מִזֶּה הָעוֹלָם וְכוּ', וְגַם לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם צְרִיכִים לְהוֹדִיעַ זֹאת!** וְכוּ', עַיֵּן שָׁם.

[כו] שיחות הר"ן נ"א: הָעוֹלָם הַזֶּה אֵינוֹ כְּלוּם רַק לִמְשֹׁךְ אֶל הַתַּכְלִית הַנִּצְחִי. וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו. כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוְא. כִּי הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי, שֶׁמַּרְאֶה אֶל הָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַרְוִיחַ בְּכָל פַּעַם וּבַסּוֹף אֵינוֹ כְּלוּם. כַּאֲשֶׁר נִרְאֶה בְּחוּשׁ בְּרֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁעוֹסְקִים וְעוֹבְדִים יָמִים וְשָׁנִים בִּסְחוֹרוֹת וּמַשָּׂא-וּמַתָּן וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם!

[כז] וּלְהַכְנִיעַ הַכֹּחַ הַמְדַמֶּה, הוּא עַל-יְדֵי בְּחִינַת יָד, בְּחִינַת (הוֹשֵׁעַ י"ב): "בְּיַד הַנְּבִיאִים אֲדַמֶּה". וְיָד, הַיְנוּ בְּחִינַת שִׂמְחָה, בְּחִינַת (דְּבָרִים י"ב): "וּשְׂמַחְתֶּם בְּכָל מִשְׁלַח יֶדְכֶם". וְזֶה בְּחִינַת כְּלֵי זֶמֶר שֶׁמְּנַגְּנִין בַּיָּד, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה שׁוֹרָה הַנְּבוּאָה עַל

מיר האבן נעכטן געלערנט, אז ס'איז דא א כח המדמה, עס דאכט זיך, עס איז דא א דמיון, עס דאכט זיך. דער רבי האט א זאג געגעבן[כח]: "מען דארף רופן דעם יצר הרע - א נייעם נאמען: 'מדמה'!" דער מדמה קען אריינברענגען געוואלדיגע מיאוס'ע זאכן - עס דאכט זיך!

מען דארף האבן א מדמה, מדמה זיין מילתא למילתא[כט], דארט ביים לערנען. עס איז פארהאן אבער א מדמה וואס מאכט אן זייער שלעכטע דמיונות[ל].

"מכניע זיין דעם כח המדמה', זאגט דער רבי, 'איז דורך בחינת יד, בבחינת 'ביד הנביאים אדמה', דורך דעם יד וועט מען מכניע זיין דעם מדמה, דעם דמיון וואס דאכט זיך".

- "וואס איז 'יד'? יד", זאגט דער רבי, "איז שמחה, בחינת 'ושמחתם בכל משלח ידכם'. ווארום דער מדמה ביי א מענטשן - אז א מענטש פאלט אריין אין א מין עצבות, אין א מין 'מרה שחורה', ליגט ער מער אין דעם מדמה, אין די דמיונות, (אבער) דורך שמחה - דורך שמחה דקדושה ווערט ער ניצול, ער איז מכניע דעם כח המדמה, 'ושמחתם בכל משלח ידכם'".

---

הַנְּבִיאִים כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְלָכִים-ב ג): "קְחוּ לִי מְנַגֵּן" וְכוּ'. כִּי הַכְּלִי הוּא הִתְאַסְּפוּת הָרוּחַ, וְהוּא מְעֹרָב טוֹב וָרָע. כִּי יֵשׁ עַצְבוּת רוּחַ, רוּחַ נְכֵאָה. רוּחַ רָעָה, כַּנֶּאֱמַר בְּשָׁאוּל (שְׁמוּאֵל-א ט"ז): "וּבִעֲתַתּוּ רוּחַ רָעָה". וְיֵשׁ רוּחַ טוֹבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קמ"ג): "רוּחֲךָ טוֹבָה תַּנְחֵנִי בְּאֶרֶץ מִישׁוֹר". וְהוּא בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, רוּחַ-הַקֹּדֶשׁ.

[כח] עי' תורה כ"ה, בסופו: אַחַר שֶׁאָמַר מַאֲמָר הַנַּ"ל, וְשָׁם מְכַנֶּה וְקוֹרֵא כָּל תַּאֲווֹת הַיֵּצֶר הָרָע בְּשֵׁם כֹּחַ הַמְדַמֶּה אָמַר אָז: צְרִיכִין לִקְרֹא לוֹ וּלְכַנּוֹת לוֹ שֵׁם אַחֵר, הַיְנוּ לְהַבַּעַל-דָּבָר וְהַיֵּצֶר הָרָע צְרִיכִין לִקְרוֹת אוֹתוֹ בְּשֵׁם אַחֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לִקְרוֹתוֹ עוֹד בְּשֵׁם יֵצֶר הָרָע, רַק בְּשֵׁם כֹּחַ הַמְדַמֶּה! וְאָמַר זֹאת בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק, אֲבָל הֵבַנְתִּי שֶׁהָיָה לוֹ בָּזֶה כַּוָּנָה שְׁלֵמָה וְלֹא זָכִיתִי לְהָבִין כַּוָּנָתוֹ בָּזֶה.

[כט] עי' ליקו"ה ספר תורה ה"ד, אות ט"ז: וְכֵן לַהֲפֹךְ בִּקְדֻשָּׁה עַם קָדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל שֶׁזָּכוּ לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ בְּכָל דּוֹר שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה מִתְבָּרֵר הַמְדַמֶּה, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה זוֹכִין לֶאֱמוּנָה, עַל-יְדֵי-זֶה זוֹכִין לְחָכְמוֹת אֲמִתִּיּוֹת שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה עַל-יְדֵי הַמְדַמֶּה דִּקְדֻשָּׁה, עַל-יְדֵי שֶׁמְּדַמִּין מִלְּתָא לְמִלְּתָא שֶׁנִּמְשָׁךְ מִבְּחִינַת שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בָּהֶן, שֶׁהֵם מִקַּל וָחֹמֶר מִגְּזֵרָה שָׁוָה וּבִנְיַן אָב, שֶׁהֵם הֶקֵּשִׁים דִּקְדֻשָּׁה שֶׁל דַּרְכֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נִמְשָׁכִין כָּל חִדּוּשֵׁי הַתּוֹרָה וְהַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת שֶׁל חַכְמֵי הַתּוֹרָה הָאֲמִתִּיִּים. נִמְצָא, שֶׁהַמְדַמֶּה הוּא בְּחִינַת פֶּתַח וְשַׁעַר שֶׁל הַשֵּׂכֶל, וְעַל-כֵּן זוֹכִין עַל-יְדֵי בֵּרוּר הַמְדַמֶּה לֶאֱמוּנָה דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא עִקַּר הַשַּׁעַר וְהַפֶּתַח דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל

[ל] עי' ליקו"ה שלוחין ה"ה, אות א', שם בא"ד: הַמְדַמֶּה הוּא שְׁלִיחַ הַשֵּׂכֶל, כִּי הַשֵּׂכֶל רָחוֹק מִכָּל יְדִיעוֹת הַגַּשְׁמִיּוֹת רַק עַל יְדֵי הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ שֶׁל הַשֵּׂכֶל, עַל יְדֵי זֶה מַגִּיעַ לְהַשֵּׂכֶל יְדִיעוֹת תַּאֲוֵי הַגַּשְׁמִיּוּת. וְעַל כֵּן שָׁם בִּבְחִינַת הַמְדַמֶּה, שָׁם עִקַּר הַבְּחִירָה, כִּי בִּפְנִימִיּוּת הַשֵּׂכֶל הָאֲמִתִּי אֵין שׁוּם בְּחִירָה, כִּי פְּנִימִיּוּת הַשֵּׂכֶל הָאֲמִתִּי רָחוֹק מִכָּל הַתַּאֲווֹת הַגַּשְׁמִיּוֹת וּמִכָּל הַמִּדּוֹת רַק דָּבוּק בִּשְׁלֵמוּת בַּה' יִתְבָּרַךְ, רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַשֵּׂכֶל תְּפִיסָה בְּהַגַּשְׁמִיּוּת כִּי אִם עַל יְדֵי כֹּחַ הַמְדַמֶּה שֶׁהוּא שְׁלִיחַ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה כָּל כֹּחַ הַבְּחִירָה, כִּי בְּהַמְדַמֶּה יְכוֹלִין לְהִתְאַחֵז טָעוּתִים הַרְבֵּה עַל יְדֵי שֶׁהוּא מְדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא וְהוּא בִּבְחִינַת עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע, כִּי שָׁם בְּהַמְדַמֶּה עִקַּר אֲחִיזַת הָרַע עַל יְדֵי הַטָּעֻיּוֹת וְהַשְּׁקָרִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כֹּחַ לְהִתְאַחֵז בְּהַמְדַמֶּה, כַּמּוּבָן כָּל זֶה בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בִּדְבָרֵינוּ, עי"ש בפנים באריכות יותר.

זעען מיר, אז יד איז א זאך פון שמחה, און דורך יד, איז 'ביד הנביאים אדמה' - דורך שמחה איז מען מכניע דעם מדמה.

דעם מדמה קען ער נישט אינגאנצן מבטל זיין, מען דארף האבן א זאך פון דמיון; ער דארף קענען מדמה זיין ווען ער לערנט תורה. אבער (כדי) עס זאל זיין א מדמה אויפן גוטן אופן - איז דורך שמחה איז מען מכניע דעם כח המדמה (מרע לטוב).

'וזה בחינת כלי זמר שמנגנין ביד, שעל-ידי-זה שורה הנבואה על הנביאים', דורך כלי זמר, דורך שמחה, האט זיך אומגעקערט די נבואה צוריק, 'כמו שכתוב: קחו לי מנגן וכו''. זעען מיר אלס, אז דורך שמחה איז שורה די נבואה אויף די נביאים.

(ממשיך ללמוד כל הקטע בפנים)

❖

## אזכרה נגינתי בלילה

ווי דער רבי רעדט ווייטער[לא], מיינט דער רבי גאר עפעס אנדערש דא (- הענין של היודע נגן וכו'): 'אזכרה נגינתי' רעדט דער רבי גאר אויף 'התבודדות', אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים הייסט עס 'נגינה'.

אין דעם מענטש איז אויסגעמישט טוב ורע, און אז ער הויבט אן רעדן דיבורים צום אויבערשטן, ער איז מברר דאס טוב אז דאס רע זאל אראפפאלן, דאס איז א ניגון! דאס איז א נגינה, שמחה ונגינה, מיט אט די נגינה איז מען מכניע דעם כח המדמה.

אזוי איז דער מענטש פול מיט מדמה - מיט דמיונות, אויסגעמישט טוב ורע, ממילא כאפט זיך אריין א געדאנק פון דעם רע, עס איז אויסגעמישט! אבער דורך נגינה - וואס ער רעדט צום אויבערשטן דיבורים, איז ער מברר דעם רוח טובה און דארטן קען ער האבן דעם זכרון.

---

[לא] וז"ל שם לקמן בהתורה הנ"ל: וְזֶה בְּחִינַת (תְּהִלִּים ע"ז): "אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי". בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת, בְּחִינַת: "בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי" הַנַּ"ל, אֲזַי הַזְּמַן לְקַבֵּץ הָרוּחַ טוֹבָה מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. הַיְנוּ שֶׁאָז עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הַהִתְבּוֹדְדוּת, לְהִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ, וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹבָה, דְּהַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, לְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת נִגּוּן הַנַּ"ל, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁמָר הַזִּכָּרוֹן כַּנַּ"ל. דְּהַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לִזְכֹּר תַּכְלִיתוֹ הָאַחֲרוֹן לָעוֹלָם הַבָּא, וְלַחֲשֹׁב תָּמִיד עַל סוֹפוֹ וּלְאַדְבְּקָא מַחֲשַׁבְתֵּהּ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי תָּמִיד. שֶׁכָּל זֶה הוּא בְּחִינַת זִכָּרוֹן כַּנַּ"ל.

- ווייטער טייטשט דער רבי אריין אין פסוק[לב]: "'אזכרה', אזכרה איז דער זכרון, 'נגינתי' - מיינט מען די נגינה, 'עם לבבי אשיחה ויחפש רוחי' טייטשט דער רבי, אז איך רעד 'עם לבבי אשיחה' - איך רעד צום אויבערשטן דיבורים! איך זוך אפ מיין רוח טובה - דערפון ווערט די נגינה, דאס איז דער זכרון, דאס איז דער עיקר מנגן".

(ר' משה בינענשטאק: דער רבי מיינט נישט בפשיטות כלי-זמר? בפשיטות אויך נישט?) ווייטער טייטשט דער רבי איין (אזכרה נגינתי וכו' עם לבבי אשיחה כנ"ל) - דער רבי רעדט דא פון א שפילער?!

דער רבי רעדט ווייטער[לג] פון קימת חצות בלילה: א כינור האט געהאנגען - ביי דוד המלך האט געהאנגען א פידעלע 'למעלה ממיטתו', און ווען עס איז געקומען חצות לילה האט עס אנגעהויבן שפילן פון זיך אליין. זאגט דער רבי אזוי: אז ווען עס קומט חצות לילה, ווערט נתעורר א ניגון דקדושה פון כינור של דוד. נישט נאר דעמאלט איז געווען דער כינור, נאר דער כינור של דוד וואס איז דעמאלט געווען - אז ס'קומט חצות ווערט נתעורר די נגינה.

זאגט דער רבי: "ווען ס'קומט חצות לילה, ווערט נתעורר דער ניגון דקדושה פונעם כינור של דוד און דעמאלט איז דער זמן צו אויפשטיין בעבודת השם, זיך צו מתגבר זיין צו אויסרעדן זיך פאר השי"ת! און דעמאלט איז דער בירור דורך דעם ניגון בכלי שהוא בחינת כינור של דוד שמנגן אז!"

---

[לב] וז"ל שם: וְזֶהוּ: "אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי". אִם תְּדַקְדֵּק בַּמִּקְרָא הַזֶּה, תִּמְצָא שֶׁבְּכָל הַמִּלּוֹת הָאֵלֶּה בְּכֻלָּם מְבֹאָר כָּל עִנְיָן הַנַּ"ל. אֶזְכְּרָה, זֶה בְּחִינַת הַזִּכָּרוֹן הַנַּ"ל, שֶׁצְּרִיכִין לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי. וְזֶה בְּחִינַת נְגִינָתִי, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת הַנִּגּוּן הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּרוּר הַטּוֹב מִן הָרָע כַּנַּ"ל. כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן וְשִׂמְחָה, יְכוֹלִין לִזְכֹּר עַצְמוֹ בָּעוֹלָם הַבָּא. כִּי שְׁמִירַת הַזִּכָּרוֹן הוּא, עַל־יְדֵי נִגּוּן בַּיָּד, שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׂמְחָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בַּלָּיְלָה, כִּי עִקַּר בֵּרוּר הָרוּחַ טוֹבָה הוּא בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדוֹנוֹת הָרוּחוֹת כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: "עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה". כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן וְשִׂמְחָה הַנַּ"ל, עַל־יְדֵי־זֶה נִשְׁמָר הַלֵּב מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה כַּנַּ"ל. וְאָז יָכוֹל לִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ כַּמַּיִם לִפְנֵי ה', שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת: "מִי צָרַר מַיִם בַּשִּׂמְלָה" הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת: "שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'". וְזֶהוּ, עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי. שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְעוֹרְרִין לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ מִתַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי לָעוֹלָם הַבָּא, וּלְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ לִמְצֹא הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת, בְּחִינַת הָרוּחַ טוֹבָה שֶׁבְּקִרְבּוֹ, כְּדֵי לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי־זֶה. כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא, לְהַכְנִיעַ הָרוּחַ רָעָה, וּלְבָרֵר הָרוּחַ טוֹבָה כַּיָּדוּעַ:

[לג] וְזֶה בְּחִינַת קִימָה בַּחֲצוֹת לַיְלָה, כִּי כִּנּוֹר הָיָה תָּלוּי לְמַעְלָה מִמִּטָּתוֹ שֶׁל דָּוִד, וְכֵיוָן שֶׁהִגִּיעַ חֲצוֹת לַיְלָה הָיָה מְנַגֵּן מֵאֵלָיו (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל בְּרָכוֹת ג:). הַיְנוּ שֶׁבַּחֲצוֹת לַיְלָה אָז נִתְעוֹרֵר בְּחִינוֹת הַנִּגּוּן דִּקְדֻשָּׁה הַנִּמְשָׁךְ מִכִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד, שֶׁהוּא בְּחִינַת בֵּרוּר הָרוּחַ טוֹבָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן אָז הַזְּמַן לְהִתְגַּבֵּר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָקוּם אָז לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ! כִּי אָז עִקַּר הַבֵּרוּר עַל־יְדֵי בְּחִינַת נִגּוּן בִּכְלִי הַנַּ"ל, שֶׁהוּא בְּחִינַת כִּנּוֹר שֶׁל דָּוִד שֶׁמְּנַגֵּן אָז כַּנַּ"ל. וְהָבֵן הֵיטֵב דְּבָרִים אֵלּוּ לְמַעֲשֶׂה!!!

- דעמאלט איז דער כינור של דוד. דער רבי מיינט גאר עפעס אנדערש! דער רבי מיינט א פידעלע - א שפילער?! דעמאלט איז אזוי געווען, אז דוד האט געגעבן א שפיל האט זיך אומגעקערט די נבואה קריק, עס האט שורה געווען א נבואה - אזוי טייטשט דער רבי ווייטער איין!

דער כינור של דוד איז נישט נאר געווען דעמאלט, נאר דוד המלך האט געמאכט אזא מין כינור (עד היום), אז ווען ס'קומט חצות, ווערט דערוועקט דער כינור של דוד און זי הייבט אן שפילן און ער וועקט אויף, ער וועקט אויף 'מאליו'! 'היה מנגן מאליו'![לד]

❖

[לד] ראה טעם זקנים קו' ג', וז"ל שם: דוד המלך האט אזא מין 'כינור' אפגעארבעט, אז ווען עס קומט חצות וועט דערוועקט דער כינור - 'אז נתעורר בחינת הניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'! קומט אויס, אפילו איינער קען נישט שפילן מיט קיין פידל, אבער אז דער אויבערשטער העלפט, ער שטייט אויף חצות, דערוועקט זיך א פידעלע פון דוד המלך'ן - פון דעם 'כינור'! און דאס איז דער ניגון, דאס איז דער ניגון!!

דוד המלך האט אזוי גוט געמאכט מיט זיינע 'נעים זמירות ישראל', דעם ניגון מיט די 'עשרה מיני נגינה', מיט די זיסקייט פונעם תהלים, אז ס'איז דא אזא כינור דא ביי איהם, וואס ווען ס'קומט חצות - זאגט דער רבי - ווערט דערוועקט דער נגינה פונעם כינור של דוד!

קומט אויס, אז מיר אלע זענען "קלעזמער'ס"! אלע נאכט קענען מיר האבן - מיר אלע קענען האבן דעם כינור! נאר וואס דען, דעמאלטס ווערט דערוועקט דעם 'כינור של דוד', 'וכיון שהגיע חצות לילה היה מנגן מאליו', עס איז א תמיד'דיגע זאך, ווען עס קומט חצות לילה ווערט דערוועקט דעם כינור של דוד!

מיר דארפן זיך זוכן זמנים וואס דעמאלטס איז מסוגל דערצו, דעמאלטס איז מסוגל מען זאל קענען מאכן דעם בירור, דאס 'פידעלע' וואס מאכט דעם בירור - 'דער כינור'! ווען איז דער זמן?! דער זמן - זאגט דער רבי - איז 'חצות'!! דאס איז א געוואלדיגע לשון; 'היינו שבחצות לילה אז נתעורר בחינת הניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'! אז עס קומט 'חצות לילה' - זאגט דער רבי - ווערט דערוועקט דער 'ניגון דקדושה הנמשך מכינור של דוד'!

דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא 'כינור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד', דאס איז א שטענדיגע זאך, א דבר התמידי! ווען דאס קומט, איז עס טאקע 'למעלה ממטתו' - דער כינור ליגט ביים 'בעט', און ער ווערט דערוועקט; "גייט אראפ! לויפט אראפ פון בעט"! איי איי!...

(אחד מהנוכחים; ר' אייזיק'ל פון באדיטשוב איז ביי איהם געווען בירושה דעם בעל שם'ס פידל?!) די 'פידעלע', יא, שוין, ער איז געווען א 'מנגן'! אבער איך רעד דערפון - דער רבי מיינט שפילן?! אונזערע לייט האבן גארנישט געקענט שפילן! ווער האט געקענט שפילן? און זיי זענען געווען גוטע שפילער! גוט שפילער'ס געווען - און זיי האבן גארנישט געקענט שפילן פון קיין פידל! גוטע שפילער - 'אויפגעשטאנען חצות'!!

דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער ז"ל) איז געווען אזא מין 'מנגן' - דער שווער - ער פלעגט זאגן 'חצות' אזוי ווי א שיין פידל! געווען א מנגן, אזוי זים געווען, א שיין פידעלע געשפילט, א גוטע מנגן, א 'יודע נגן'!

# ווי אזוי משיח וועט איינעמען די וועלט

(אחד הנוכחים: אין די היינטיגע סדרה, זאגט דער מדרש[לה], אז דער כינור פון די לויים איז געווען פון זיבן נימין, פון דוד'ן - אכט נימין, און ווען משיח וועט קומען, וועט זיין צען. וואס מיינט ער וואס?) **דאס איז אלץ שמות הקדושים! דאס רעדט מען אלץ שמות; זיבן, אכט, צען.**

**דער רבי ברענגט דאך אין א תורה[לו] אז לעתיד וועט זיין א ניגון אויף ע"ב נימין, א ניגון אויף צוויי און זיבעציג סטרונעס. ווי אזוי איז דער חשבון פון ע"ב? דער שם הוי"ה, אז מען שרייבט אים: י', י"ק, יק"ו, יקו"ק' - קומט אויס ע"ב, אזא ניגון וועט זיין! אזא מין ניגון וועט משיח שפילן, אזא ניגון וואס וועט זיין פול מיט אלקות.**

**- דער שם הוי"ה וועט זיין 'פשוט, כפול, משולש און רבוע', אזא ניגון של חסד און אהבה וואס דערמיט וועט ער די גאנצער וועלט מקרב צום אויבערשטן! אזא מין אהבה גייט ארויס פון דעם ניגון, אזא מין התגלות אלקות, אז די גאנצע וועלט וועט ווערן מקורב צום אויבערשטן דורך דעם ניגון!**

**דער רבי האט דאך געזאגט[לז] 'אז משיח וועט איינעמען די גאר וועלט, וועט ער נישט אויסשיסן קיין איין שאס פולווער'! ער וועט זינגען א ניגון - אזעלכע מיני שבחים צום אויבערשטן וועט זיין אין דעם ניגון, מען וועט באקומען אזא מין אהבה, יעדער איינער וועט וויסן וואס הייסט 'אהבה צום אויבערשטן האבן' - אז די גאנצע וועלט וועט** (אויסגיין).

**דער רבי זאגט טאקע[לח]: דער אויבערשטער האט געזאגט צו ישעיה הנביא: 'הרם כַּשׁוֹפָר קולך', זאגט דער רבי, כַּשֹׁפָר מאכט: פ'שוט כ'פול ש'לוש ר'בוע.**

**ישעיה הנביא איז נענש געווארן אויף דעם וואס ער האט אנגערופן די אידן דארטן[לט] 'ובתוך עם טמא שפתים אנכי ישב'. עס איז אראפ א קויל פייער, עס האט**

---

[לה] עי' מדרש רבה, במדבר טו, יא.

[לו] עי' ליקו"מ תנ' תורה ח', א': וְהַשִּׁיר הַזֶּה שֶׁל לֶעָתִיד שֶׁהֵם ע"ב נִימִין כְּנֶגֶד שֵׁם י י"ק יק"ו יקו"ק שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׁיר פָּשׁוּט כָּפוּל וְכוּ כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כ"א) שֶׁהוּא עוֹלֶה כֻּלּוֹ ע"ב וְעַל אֵלּוּ הַנִּימִין יִתְנַגֵּן הַשִּׁיר הַזֶּה שֶׁלֶּעָתִיד כְּשֶׁיְּחַדֵּשׁ אֶת עוֹלָמוֹ!

[לז] והוא עפ"י ליקוטי מוהר"ן תו' ב' "כי עיקר כלי זיינו של משיח הוא התפלה" וכו'.

[לח] עי' תורה ח' הנ"ל, וז"ל שם: וְזֶהוּ: "הָרֵם כַּשּׁוֹפָר קוֹלֶךָ" כַּשֹּׁפָר דַּיְקָא. כִּי זֶה הַקּוֹל הַמַּשְׁקֶה אֶת הַגָּן, שֶׁהוּא בְּחִינַת "וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן" הוּא בְּחִינַת קוֹל הַנִּגּוּן שֶׁל הַשִּׁיר שֶׁיִּתְעַר לֶעָתִיד כְּשֶׁיְּחַדֵּשׁ אֶת עוֹלָמוֹ שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׁיר פָּשׁוּט, כָּפוּל, מְשֻׁלָּשׁ מְרֻבָּע כַּשֹּׁפָר רָאשֵׁי תֵבוֹת: פָּשׁוּט, כָּפוּל, שָׁלוּשׁ, רָבוּעַ שֶׁהוּא בְּחִינַת הַשִּׁיר שֶׁלֶּעָתִיד שֶׁהוּא בְּחִינַת הַקּוֹל הַמַּשְׁקֶה אֶת הַגָּן שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַקּוֹל דַּיְקָא הוּא יָכוֹל לְהוֹכִיחַ כַּשֹּׁפָר דַּיְקָא.

**אים אפגעבריט,** [א"ל הקב"ה: ישעיה, בעצמך אתה רשאי לומר איש טמא שפתים, אבל לישראל אתה אומר 'בתוך עם טמא שפתים' שהם הקדימו עשיה לשמיעה, ומיחדין את שמי פעמיים בכל יום - ואת קורא אותן עם טמא שפתים?![מ]] **ווי אזוי קענסטו אזוי זאגן אויף אידן?!**

- אז דו ווילסט זאגן תוכחה, זאג 'כשפר' - 'הרם כשפר קולך'. זאגט דער רבי: 'כשפר' מאכט; פ'שוט כ'פול ש'לוש ר'בוע, אזוי זאלסטו זאגן תוכחה, אזוי ווי מען שפילט א שיינעם ניגון, זיי זאלן פילן אהבה פון דעם, נישט אז דו ביסט א מוכיח און דו שטראפסט זיי.

דער רבי זאגט דארט[מא], אז א מוכיח וואס איז נישט כראוי איז אזוי ווי עס ליגט א קופע מיסט צוגעדעקט, וואס אז מען הויבט איר אן רירן, גייט ארויס דערפון א שלעכטער ריח. אז דו קענסט צונעמען אינגאנצן די קופע מיסט, דארפסטו טאקע עס צונעמען, אבער אז דו גיסט נאר א צעשאר אליין און דו נעמסט נישט צו, גייט דאך א ריח רע.

אזוי אויך, א מוכיח שאינו כראוי, ער גיט א שטראף יענעם, ווערט א ריח רע, וואס האסטו דא אויפגעטאן? וואס האסטו דא געטאן?! זאגט טאקע דער רבי[מב], א גמרא: רבי עקיבא האט געזאגט: 'תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח'[מג].

---

[לט] ישעי' ו', ה'

[מ] לשון מדרש תנחומא, וישלח ב', שם ו' פסוק ו', עי"ש וכו'. גם עי' מדרש רבה שיה"ש פ"א, ל"ח: "אל תראני שאני שחרחורת". רבי סימון פתח וכו', אין לך שמח בבני יותר מישעי' ועל ידי שאמר (ישעיה ו) "ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב", אמר לו הקב"ה: ישעי', בנפשך את רשאי לומר (שם) 'כי איש טמא שפתים אנכי' ניחא, שמא, ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב? אתמהא! תא חמי מה כתיב תמן: "ויעף אלי אחד מן השרפים ובידו רצפה". אמר רב שמואל: רצפה; 'רוץ פה' - רצוץ פה למי שאמר דלטוריא על בני!

[מא] עיי"ש בליקו"מ בתורה הנ"ל, אות א': **כִּי כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ אֲזַי לֹא דַּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ כִּי עַל יְדֵי תּוֹכַחְתּוֹ הוּא מְעוֹרֵר הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁהוּא מוֹכִיחָם כְּמוֹ כְּשֶׁמֻּנָּח אֵיזֶה דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ רֵיחַ שֶׁאֵינוֹ טוֹב כָּל זְמַן שֶׁאֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ הַדָּבָר, אֵין מַרְגִּישִׁין הָרֵיחַ רַע אֲבָל כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהָזִיז אוֹתוֹ הַדָּבָר אֲזַי מְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע כְּמוֹ כֵן עַל יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁל מִי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ עַל יְדֵי זֶה מְזִיזִין וּמְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁמּוֹכִיחָם וְעַל כֵּן הוּא מַבְאִישׁ רֵיחָם וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מַחֲלִישׁ אֶת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלָּהֶם וְעַל יְדֵי זֶה נִפְסָק הַשֶּׁפַע מִכָּל הָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בְּאֵלּוּ הַנְּשָׁמוֹת!**

[מב] שם: **אַף עַל פִּי שֶׁתּוֹכָחָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל וּמֻטָּל עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לְהוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה בּוֹ שֶׁאֵינוֹ מִתְנַהֵג כַּשּׁוּרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (וַיִּקְרָא י"ט): **"הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" אַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם רָאוּי לְהוֹכִיחַ כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבִּי עֲקִיבָא** (כך היא הגירסא בעיין יעקב) (עֲרָכִין טז:) **תָּמֵהַּ אֲנִי, אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה מִי שֶׁיָּכוֹל לְהוֹכִיחַ וְאִם רַבִּי עֲקִיבָא אָמַר זֹאת בְּדוֹרוֹ, כָּל שֶׁכֵּן בַּדּוֹר הַזֶּה שֶׁל עַכְשָׁו.**

[מג] בדרך אגב, כדאי לציין מה שמדגיש מוהרנ"ת בליקו"ע ערך 'תוכחה', וז"ל שם: **אתה המעיין, אל יבהלוך רעיוניך, כי למעלה הזהיר הרבה, שידבר כל אחד עם חברו ביראת שמים וביאר בפרוש, שכל אדם צריך לעסק בזה, כמו שמבאר לעיל באות י"ז, וכאן אמר שאין כל אדם ראוי להוכיח. אך הענין מבאר היטב למי שמבין היטב פרוש הדברים בפשיטות. כי לדבר עם חברו ביראת שמים, לדבר אחד עם חברו בכל יום מהתכלית ומה יהיה הסוף מאתנו וכו' זה**

אזוי דארף מען רעדן מיט יענעם, א ניגון פון אהבה, א ניגון פון חסד! משיח וועט קענען די ארבעט; ער וועט שפילן א ניגון, די גאנצע וועלט וועט דאך הערן דעם ניגון, דער ניגון איז אזא מין אהבה -

יעדער איינער וועט קומען מיט אזא מין המשכה צום אויבערשטן, ער וועט אלעמען מקרב זיין צום אויבערשטן! אפילו די אומות העולם וועלן בטל ווערן פאר אים! - אזא מין חסד וועט ער האבן, ער וועט נישט אויסשיסן קיין איין שאס פולווער!

ער וועט אפנעמען די גארע וועלט, מיט וואס? מיט חסד, מיט אהבה! - אט דאס איז דער ניגון!

זעהט מען דאך וואס איז אלץ דער ניגון, אזא מין ניגון מיינט דער רבי! (היינו שזו כוונתו גם בתורה נ"ד, ואין המדובר בניגון פשוט).

(אחד הנוכחים: מען דארף עס זעהן, מען קען עס נישט פארשטיין) 'ותחזנה עינינו'! דערווייל דארף מען גלויבן אז די תורה הקדושה האט אין זיך אזא מין (כח פון די ניגון).

(אחד הנוכחים: די אמונה דארף זיין גרויס!) יא!

❖

## דעם נייעם ניגון

עס איז דא א מעשה פונעם בעל שם הקדוש. דער בעל שם הקדוש האט דערציילט א מעשה[מד]: עס איז געווען א מלך, דער מלך האט געהאט א קלעזמער. דער קלעזמער האט אויסגעשפילט א ניגון, און דער מלך האט געהאט געוואלדיג (קורת רוח), האט ער געבעטן אלעמאל שפילן דעם ניגון.

ביים מלך איז דער ניגון געווען ניי, אבער ביים קלעזמער איז עס געווארן אלט. און אז דאס איז געווארן ביי אים אלט, האט ער עס נישט אויסגעשפילט ווי אזוי מען

צריך בודאי כל אדם לקים אפלו אדם פשוט לגמרי, כנזכר לעיל. אבל תוכחה שהזהיר כאן הוא ענין אחר לגמרי, כי הוא כשמוכיח את האדם ומזכיר לו עוונותיו, שאומר לו, למה עשית עבירה פלונית או מעשה הרעה הזאת, חס ושלום, וזה צריך האדם לזהר שלא להזכיר מעשים רעים שלהם, כי יכול להחליש נשמתם על ידי זה, על ידי שמעורר הריח רע, על ידי שמזכיר עוונותיהם. וזה עיקר הפרוש של תוכחה!

[מד] מובא בס' אור המאיר על קהלת ד"ה ברבות הטובה, ובס' נתיב מצותיך נתיב אמונה שביל ג' אות ל', עי' בעל שם טוב עה"ת פרשת נח מאמר עמוד התפלה בהגהות מקור חיים אות מ"ב.

דארף אים אויסשפילן, וואס זאל דער מלך טאן? האט ער געמאכט סעודות, אלעמאל גערופן א נייער שׂר, א נייער מיניסטער. אז א נייער מענטש איז דא וואס האט עס נאך קיינמאל נישט געהערט, איז דער שטייגער אזוי; אז ס'קומען נייע מענטשן שפילט ער דעם ניגון נאכאמאל ניי.

און ער האט שוין אריבערגערופן אלע שרים, און ביים מלך איז דער ניגון ניי, און ביים קלעזמער ווערט ער אלט, שפילט ער אים נישט אויס אזוי ווי מען דארף. האט ער געגעבן אן עצה, מען זאל אים ארויסנעמען די אויגן, ער זאל נישט זעהן, ער וועט אים זאגן: היינט איז דא דער שר, היינט איז דא דער שר, אלץ נייע שרים, (האט ער שוין געשפילט דעם ניגון ווי מען דארף).

האט דער בעל שם הקדוש אויסגעלאזט: 'דער ניגון איז די תורה, די תורה איז ביים אויבערשטן אלע טאג ניי, דארף מען זיך ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט וועט דער ניגון זיין ניי!' וועט ער קענען שפילן דעם שיינעם ניגון.

די וועלט איז אזא מין פארשטעלטע וועלט, עס איז דאך (א וועלט פון) מדמה - אז מען קען נישט שפילן דעם ניגון אז עס זאל זיין ניי. אבער דער אויבערשטער וויל אז ס'זאל זיין א נייער ניגון: 'היום' - 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים'[מה] - אזוי ווי ס'איז ניי! א נייע זאך.

דער מלך וויל נאר ס'זאל זיין ניי, און דער קלעזמער שפילט נישט דעם נייעם ניגון, האט ער אויסגעלאזט: 'דארף מען זיך ארויסנעמען די אויגן פון דער וועלט', און דעמאלט וועט מען שפילן דעם ניגון ניי, עס וועט זיין א נייער ניגון![מו]

---

[מה] עי' בליקו"ה תפילין ה"ה, אות ה', וזל"ק שם: עִקַּר הַחַיִּים כְּשֶׁמַּתְחִילִין לַעֲבֹד אֶת ה' בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן בַּעֲבוֹדָתוֹ כְּלָל וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב ( דְּבָרִים ו'), "אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם" וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרִי שָׁם), בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים, שֶׁלֹּא יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כדיוטגמא יְשָׁנָה שֶׁאֵין אָדָם סופנה, אֶלָּא בְּכָל יוֹם יִהְיוּ כַּחֲדָשִׁים וכו'. וּכְמוֹ שֶׁרָאִיתִי מֵרַבֵּנוּ ז"ל פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר; שֶׁאַף-עַל-פִּי שֶׁבַּשָּׁעָה הַקּוֹדֶמֶת הִתְפָּאֵר עַצְמוֹ בִּגְדוֹלוֹת וְנוֹרָאוֹת וְגִלָּה תּוֹרָה נִפְלָאָה אֲשֶׁר לֹא נִשְׁמַע כָּזֹאת כְּדַרְכּוֹ, וְאַחַר כָּךְ בַּשָּׁעָה שֶׁאַחֲרֶיהָ רָאִינוּ אוֹתוֹ שָׁרוּי בְּצַעַר גָּדוֹל וְכַמָּה פְּעָמִים פֵּרֵשׁ צַעֲרוֹ וְשִׂיחָתוֹ לְפָנֵינוּ מֵעֹמֶק הַלֵּב, שֶׁהוּא מִצְטַעֵר מְאֹד אֵיךְ זוֹכִין לִהְיוֹת יְהוּדִי!? - כְּמִי שֶׁלֹּא הֵרִיחַ מֵעוֹלָם רֵיחַ עֲבוֹדַת ה' וכו' (עי"ש בפנים). וְזֶה עִקַּר הַחִיּוּת בֶּאֱמֶת כְּשֶׁזּוֹכִין לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁהוּא עִקַּר הַחַיִּים בֶּאֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל'), "כִּי הוּא חַיֶּיךָ". וְהָעִקָּר עֲבוֹדַת ה' שֶׁיִּהְיֶה עֲבוֹדָתוֹ בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ וְלֹא יִפֹּל לְזִקְנָה שֶׁל הַסִּטְרָא אַחֲרָא שֶׁלֹּא תִּזְקַן עֲבוֹדָתוֹ אֶצְלוֹ ח"ו, וּכְמוֹ שֶׁהִזְהִיר רַבֵּנוּ ז"ל עַל זֶה וְאָמַר שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת זָקֵן, הֵן צַדִּיק זָקֵן, הֵן חָסִיד זָקֵן, זָקֵן אֵינוֹ טוֹב וְכוּ', כַּמְבֹאָר בְּהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁנִּדְפְּסוּ אֵצֶל הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, הַיְנוּ כִּי צְרִיכִים לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ

[מו] עי' ליקו"מ קל"ג, מ"ש וז"ל: הַצַּדִּיקִים מְאִירִים תָּמִיד רַק שֶׁהָאָרֶץ הַיְנוּ הָעוֹלָם הַזֶּה מַפְסִיק מִלִּרְאוֹת אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁלָּהֶם וְאַף שֶׁאוֹרָם גָּדוֹל מְאֹד, וְהָעוֹלָם הַזֶּה כֻּלּוֹ בִּכְלָל הוּא קָטָן וּפָחוּת מְאֹד נֶגֶד אוֹרָם הַגָּדוֹל עִם כָּל זֶה הוּא מַפְסִיק וּמוֹנֵעַ מִלִּרְאוֹת אוֹרָם כַּמָּשָׁל הַמַּטְבֵּעַ הַנַּ"ל (עי"ש), וְכָל זֶה מֵחֲמַת שֶׁהָעוֹלָם עוֹמֵד בִּפְנֵי עֵינָיו וְחוֹצֵץ בְּפָנָיו עַד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת אוֹר

- דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז!

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א יצר הרע און ער האט אונז געגעבן א תורה, די תורה האט א כח קעגן דעם יצר הרע[מז], מען קען שפילן דעם שיינעם ניגון.

❖

# דער בלינדער שפילער

דער בעל שם הקדוש האט דערציילט אמאל - דערציילט פון צוויי זאכן[מח]; ער האט דערציילט פון א קלעזמער (ראה להלן), און דערציילט פון איינעם א גביר. א גביר איז געווען, וואס ער האט קיינמאל נישט געגעבן קיין צדקה, מען האט אים מבזה געווען מיט אלע מיני בזיונות, ער האט קיינמאל נישט געגעבן קיין צדקה, דער גביר איז געשטארבן, מען האט געמאכט געוואלדיגע בזיונות אויף די לויה.

נאך דעם וואס דער גביר איז געשטארבן, איז געווארן א צעקה אויף מזונות אין שטאט (מהעניים שבעיר). דער גביר איז געווען א באהאלטענער נדבן, ער האט אנגעזאגט די קלייטן פון מעל: דעם ארעמאן זאלסטו געבן מעל און דו זאלסט נישט

---

הַתּוֹרָה וְהַצַּדִּיקִים הַגָּדוֹל מִמֶּנּוּ אֲלָפִים פְּעָמִים אֲבָל אִם יְסַלֵּק הַמַּפְסִיק הַקָּטָן מִנֶּגֶד עֵינָיו דְּהַיְנוּ שֶׁיַּטֶּה עֵינָיו מִן הָעוֹלָם וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל הָעוֹלָם, רַק יָרִים רֹאשׁוֹ וְיַגְבִּיהַּ עֵינָיו וְיִסְתַּכֵּל לְמַעְלָה מִן הָעוֹלָם הַמַּפְסִיק וְחוֹצֵץ, אֲזַי יִזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר הַגָּדוֹל וְהַמֻּפְלָג שֶׁל הַתּוֹרָה וְהַצַּדִּיקִים. כִּי בֶּאֱמֶת אוֹרָם גָּדוֹל אֲלָפִים וְרִבְבוֹת פְּעָמִים מִכָּל הָעוֹלָם הַזֶּה וַהֲבָלָיו כַּנַּ"ל רַק שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה עוֹמֵד לִפְנֵי עֵינָיו וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ כְּלָל לְהַטּוֹת עֵינָיו לְהִסְתַּכֵּל לְמַעְלָה עַל אוֹר הַתּוֹרָה וְהַצַּדִּיקִים כִּמְשַׁל הַמַּטְבֵּעַ הַקְּטַנָּה הַנַּ"ל מַמָּשׁ הָעוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם וּמַפְסֶקֶת מִלִּרְאוֹת הַר גָּדוֹל וְכוּ כַּנַּ"ל אֲבָל בְּקַל יוּכַל לְסַלֵּק הַמַּטְבֵּעַ מִנֶּגֶד עֵינָיו וְתֵכֶף יִרְאֶה הָהָר הַגָּדוֹל מִמֶּנּוּ כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ לְעִנְיַן הָעוֹלָם וְהַתּוֹרָה שֶׁבְּהַעֲבָרָה בְּעָלְמָא יָכוֹל לְהַעֲבִיר הָעוֹלָם מִנֶּגֶד עֵינָיו וְאָז יִזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁל הַתּוֹרָה וְהַצַּדִּיקִים שֶׁמְּאִירִין בְּכָל הָעוֹלָמוֹת כֻּלָּם בְּאוֹר גָּדוֹל מְאֹד וְכֵן שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר: אוֹי וַאֲבוֹי כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים!

[מז] קידושין דף ל' ע"ב. ועי' בביאור הליקוטים בההקדמה, מה שכתב: "ולפי כל זה תבין ותתבונן ברוב ועוצם חיוב והכרח הלימוד, בתורה שבנסתר שזכינו על ידי רבינו ז"ל, כי הן המה התבלין המוכרחים להיצר הרע שבעת הזאת, שעל זה אמרו חז"ל בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין!".

[מח] עי' כוכבי אור, 'סיפורים נפלאים', מה שמביא: הַמַּעֲשֶׂה שֶׁסִּפֵּר רַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁבִּזְמַן הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל, הָיָה מְנַגֵּן (כְּלֶעזְמֶר) אֶחָד שֶׁהָיָה עִוֵּר, וְהָיָה מְנַגֵּן עַל הַחֲתֻנּוֹת וְזֶה הָיְתָה פַּרְנָסָתוֹ, וְאַחַר פְּטִירָתוֹ נִתְוַדְּעוּ שֶׁלֹּא הָיָה עִוֵּר כְּלָל וְהָיָה לוֹ עֵינַיִם טוֹבוֹת, וְרַק כְּדֵי שֶׁלֹּא יִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים עָשָׂה עַצְמוֹ כָּל יְמֵי חַיָּיו כְּעִוֵּר וְכָל הָעוֹלָם חֲשָׁבוּהוּ לְעִוֵּר. וְעוֹד הָיָה אִישׁ אֶחָד גְּבִיר גָּדוֹל, שֶׁהָיָה קַמְצָן גָּדוֹל שֶׁלֹּא נָתַן אֲפִלּוּ פְּרוּסַת לֶחֶם לִצְדָקָה, וְהָיָה נִבְזֶה בְּעֵינֵי כֻּלָּם בִּשְׁבִיל זֶה, וְהָיָה אָז אֶחָד בַּעַל צְדָקָה גָּדוֹל, שֶׁהָיָה מַחֲזִיק כָּל הָעֲנִיִּים בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכָל מַחְסוֹרָם וְכוּ'. וְהִנֵּה כַּאֲשֶׁר נִפְטַר הַגְּבִיר הַנַּ"ל, שֶׁכֻּלָּם בָּזוּ אוֹתוֹ מֵחֲמַת קַמְצָנוּתוֹ. וּלְמָחֳרָתוֹ כְּשֶׁהָלְכוּ הָעֲנִיִּים לְהַבַּעַל צְדָקָה הַנַּ"ל שֶׁיְּפַרְנְסֵם, עָנָה לָהֶם שֶׁעַכְשָׁו אֵין לוֹ מַה לִּתֵּן לָהֶם, שֶׁהַכֹּל מַה שֶּׁנָּתַן לָהֶם כָּל הַזְּמַן, הָיָה רַק שֶׁל זֶה הַגְּבִיר הַקַּמְצָן שֶׁמֵּת, וְלֹא רָצָה לֵהָנוֹת מֵהַכָּבוֹד שֶׁיִּתְּנוּ לוֹ עַל נְדִיבוּת לִבּוֹ, וְשֶׁיִּהְיֶה הַמִּצְוָה נְקִיָּה בְּלִי פְּנִיּוֹת לָכֵן הָיָה נוֹתֵן אֶת הַצְּדָקוֹת לָאִישׁ הַזֶּה שֶׁיְּחַלְּקֵם, וְאוֹתוֹ חָשְׁבוּ כֻּלָּם לְקַמְצָן גָּדוֹל. וְעַכְשָׁו שֶׁמֵּת אֵין מִי שֶׁיִּתֵּן, וְאָז יָדְעוּ כֻּלָּם גְּדֻלָּתוֹ. וְאָמַר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל, שֶׁשְּׁנֵיהֶם, הַמְנַגֵּן הָעִוֵּר הַנַּ"ל, וְהַגְּבִיר הַקַּמְצָן הַזֶּה, שְׁנֵיהֶם הֵם בְּמַדְרֵגָה אַחַת. וְזָכוּ לְמַה שֶּׁזָּכוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם!

זאגן ווער עס באצאלט פאר די מעל! זאלסט געבן יעדן ארימאן מעל. אזוי איז געווען מיט פלייש - ער האט געגעבן אידן פלייש; אויף שבת האבן אלע ארעמע לייט געהאט - און ער האט באצאלט, ער האט באצאלט די אלע (מוכרים) און קיינער האט נישט געוואוסט דערפון. אבער אז ער איז נפטר געווארן האבן זיי שוין אויפגעהערט צו געבן, איז געווארן א צעקה אויף מזונות אין שטאט.

- און ער האט אויך דערציילט (הבעש"ט) א מעשה פון א קלעזמער:

א קלעזמער איז געווען וואס דער קלעזמער האט זיך געמאכט בלינד, ער איז געווען אויף חתונות, דארף מען דאך היטן די אויגן, האט ער זיך געמאכט בלינד, און ער איז אלע יארן געווען בלינד. פאר די הסתלקות האט ער געעפענט די אויגן און געזאגט: 'איך האב זיך געמאכט בלינד כדי איך זאל נישט קוקן אויף קיין חתונות'!

דער בעל שם האט דאס דערציילט און ער האט געפרעגט די חברייא: 'ווער איז ביי אייך גרעסער, צו דער קלעזמער צו דער גביר?'. דער קלעזמער האט ארויסגענומען די אויגן פון די וועלט, ער האט זיך אלע יארן געהאלטן בלינד, און דער גביר ווייטער - 'האבן אלע יארן בזיונות, מען זאל אים מבזה זיין', ווער איז ביי אייך גרעסער, דער צו דער?' - האבן זיי נישט געוואוסט. זיי קענען נישט אויסוועלן וועלכער, אז מען קומט צום קלעזמער, וויל מען מאכן דעם גביר גרעסער - צום גביר וויל מען מאכן דעם קלעזמער גרעסער, זיי זענעןביידע גרויס! דער האט אוועקגעגעבן דעם נאמען און דער האט אוועקגעגעבן די אויגן![מט]

(אחד הנוכחים: מען דארף זוכה זיין צו די מידות פון דעם גביר!)

❖❖❖

## גענומען פאר אן איידעם, נישט פאר קיין חסיד!

ר' אפרים'ס א זוהן איז געווארן אן איידעם ביי ר' נחמן חיה'לעס[נ].

ר' אפרים אליין איז געווען זייער א חשוב'ער בחור, און ביי רבי נתן'ען איז געווען א בת יחידה, חנה צירל. (והציעו להם) זאלן זיי זיך ביידע משדך זיין - ר' אפרים זאל ווערן

---

[מט] עיין שיח שרפי קודש ח"א, אות שמ"ג: "שנענה כנגדם הבעל שם טוב, ואמר: "אין הימל ווייסט מען אויך נישט!" להכריע מי מהם חשוב יותר".

[נ] עי' שיש"ק ח"א, אות תע"ז: ר' שמחה דוד ב"ר אפרים ב"ר נפתלי – תלמיד רבינו, היה חתן ר' נחמן חי'לעס אצל בתו חנה.

אן איידעם ביי ר' נתן'ען (והדבר לא יצא לפועל[נא]) (השואל: וועמען האט זי גענומען צום סוף חנה צירל?) ר' ברוך'ן (ב"ר שלמה מבראהליוו).

(רמ"ב: מען האט געזאגט צו רבי נתן'ען: פארוואס ער איז אים נישט מקרב אז ער זאל קומען אויף ראש השנה?) נע, דעם ערשטן ראש השנה האט ער נישט געוואלט. ר' נתן האט געזאגט: **'איך האב אים גענומען פאר אן איידעם, נישט פאר קיין חסיד!'**

דעם אנדערן ראש השנה איז ער שוין געקומען, ער איז געווארן פון די גרויסע חסידים, ער האט שוין געזעהן. דאס ערשטע מאל ווען ער האט נישט געהאלטן דערביי האט ר' נתן נישט געוואלט אים טשעפען, (אבער) דאס אנדערע מאל איז ער שוין געפארן.

א מכתב איז דא[נב] אז ער האט זיך אנגענומען פארן כבוד פון ר' נתן'ען, ביי די מחלוקת. רבי נתן האט אים געשריבן אז ער זאל נישט אזוי טאן, ער זאל שווייגן, (רמ"ב: נצחונות) יא, פון יונגעלייט! ער האט זיך געוואלט אננעמען פאר דעם כבוד פון ר' נתן'ען, ר' נתן האט אים געשריבן א מכתב ער זאל דאס נישט טאן.

❖

## יחוסו של ר' אברהם שטערנהארץ – ממוהרנ"ת

(השואל: ס'איז געווען אייניקלעך פון ר' ברוך'ן?) אוודאי, אוודאי, (רמ"ב: ר' אברהם שטערנהארץ!)

---

[נא] עי' שיש"ק (ישן) ח"ב, תשל"ד: אַנַ"ש שָׁרָאוּ אֵיךְ שֶׁרַבִּי אֶפְרַיִם בֶּן רַבִּי נַפְתָּלִי קָשׁוּר וְדָבוּק מְאֹד אֶל מוֹהַרְנַ"תְּ, הִצִּיעוּ אוֹתוֹ לְשִׁידּוּךְ לְבַת מוֹהַרְנַ"תְּ, וְאָמַר מוֹהַרְנַ"תְּ שֶׁיִּשְׁאֲלוּ אֶת רַבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה עֲבוּר זֶה, וּכְשֶׁשָּׁאֲלוּ לְרַבִּי יוּדְל אָמַר, שֶׁבִּשְׁעַת הִשְׁתַּטְּחוּתוֹ עַל צִיּוּן רַבֵּנוּ יִשְׁאָלֵהוּ לָזֶה. אַחַר-כָּךְ אָמַר רַבִּי יוּדְל: "אָמַר לִי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה: 'אִם יֵשׁ לִי עוֹד שְׁנֵי יְדִידִים שֶׁמַּחֲזִיקִים עַצְמָם בְּיַחַד - גַּם הֵם יָרִיבוּ בֵּינֵיהֶם?!.

[נב] עי' עלים לתרופה מכתב ר"י: יוֹם ד' פר' וַיֵּצֵא תקצ"ו נֶעמִרוֹב. שָׁלוֹם לַאֲהוּבִי חֲתָנִי חֲבִיבִי כִּבְנִי הָאַבְרֵךְ הַמֻּפְלָג הַוָּתִיק מוֹרֵנוּ הָרַב בָּרוּךְ נֵרוֹ יָאִיר, וּלְבִתִּי הַצְּנוּעָה מָרַת חַנָּה צִירְל תִּחְיֶה, וּלְנֶכְדָּתִי אֶסְתֵּר שֵׁיינְדִיל תִּחְיֶה. מִכְתָּבְךָ קִבַּלְתִּי קֹדֶם שַׁבַּת הֶעָבַר וְכוּ'... וְהִזָּהֵר מֵעַתָּה בְּנִי חֲבִיבִי לִבְלִי לִכָּנֵס בְּוִכּוּחִים וְנִצְחוֹנוֹת עִם שְׁאָר בְּנֵי הַנְּעוּרִים שֶׁגַּם הֵם נַצְחָנִים כְּדֶרֶךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים. וּמִזֶּה נִמְשָׁךְ כַּמָּה מַחֲלֹקֶת וְסִכְסוּכִים הַמּוֹנְעִים וּמַפְסִיקִים מְאֹד מִדֶּרֶךְ הָאֱמֶת, כִּי הַנִּצָּחוֹן הוּא מְדַמִּים עֲכוּרִים שֶׁעֲדַיִן לֹא עָבַד בָּהֶם אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. תַּרְגִּיל עַצְמְךָ לְהַמְשִׁיךְ עַצְמְךָ אֶל הַתְּמִימוּת בֶּאֱמֶת, לַעֲסֹק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה בֵּינְךָ לְבֵין קוֹנְךָ, וְהַשְׁלֵךְ דַּרְכֵי הַיַּלְדוּת מִלִּבְּךָ, וּבִפְרָט לְבַל תִּכָּנֵס בְּקֻשְׁיוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל. וַאֲפִלּוּ עָלַי אָסוּר לְךָ לְהַרְהֵר חַס וְשָׁלוֹם. כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁכָּל כַּוָּנָתִי רְצוּיָה אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ לְהַדְרִיךְ אֶתְכֶם בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה בֶּאֱמֶת בְּדֶרֶךְ אֲבוֹתֵינוּ אֲשֶׁר מֵעוֹלָם, כַּאֲשֶׁר קִבַּלְתִּי מִפִּי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. שִׂים לִבְּךָ הֵיטֵב אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ מַה כַּוָּנָתִי וְכֵן כַּוָּנַת כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בְּעִנְיַן עֲסָקֵינוּ, אִם כַּוָּנָתֵנוּ חַס וְשָׁלוֹם בִּשְׁבִיל הַכָּבוֹד הַמְדֻמֶּה הַנָּהוּג עַכְשָׁיו אוֹ בִּשְׁבִיל עֲשִׁירוּת. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ וְגַם כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ בְּקָדְקֳדוֹ יָכוֹל לְהָבִין כִּי תְּהִלָּה לָאֵל נְקִיִּים אֲנַחְנוּ וְאָנֹכִי מִזֶּה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה. יָתֵר מִזֶּה אֵין פְּנַאי לְהַאֲרִיךְ. דִּבְרֵי חוֹתֶנְךָ הַמְדַבֵּר בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים לְטוֹבָתְךָ הַנִּצְחִית נָתָן מִבְּרֶסְלֶב

ר' יוסף יונה איז געווען אן איידעם פון חנה צירל'ען, זי האט אים גענומען פאר אן איידעם. זי איז געווען די עלטערע טאכטער. זי איז געווען (בת בתו) פון ר' דוד צבי (חותנו של מוהרנ"ת), פון זיווג ראשון (של מוהרנ"ת). האט זי גענומען ר' יוסף יונה'ען - דער יונגסטער זון פון ר' נתן'ען - פאר אן איידעם. (כלומר:) די שוועסטער האט גענומען דעם ברודער פאר אן איידעם. און ר' אברהם'ס רעביצין - די ערשטע, 'איטא בתיה' האט זי געהייסן, איז געווען ר' יוסף יונה'ס א טאכטער, ר' אברהם איז געווען ר' יוסף יונה'ס אן איידעם.

(השואל: און ר' אברהם'ס טאטע, ר' הערץ, איז אויך געווען א אייניקל פון ר' נתן'ען!) יא, ער איז געווען ר' שכנא'ס א זוהן (- ר' שכנא בן מוהרנ"ת).

מצד איר איז ר' אברהם געווען אן אייניקל, און מצד דעם טאטן איז ער געווען אן אור אייניקל!

(השואל: און ווי אזוי האט ער געשטאמט פון טשעהרינער רב?) יא, ר' הערץ זיין טאטע, איז געווען אן איידעם ביים טשעהרינער רב, בזיווג ראשון, ווען ער איז געבוירן געווארן - ר' אברהם, איז זי נפטר געווארן.

(השואל: און ווער איז געווען דער צווייטער שווער פון ר' הערץ'ן?) 'ר' שמשון פון וואלד'[גג]. ר' מיכעלע (ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת) איז געווען אן איידעם ביי ר' שמשון'ען, און ר' הערץ (הנ"ל היה חתנו השני).

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **ישכר בעריש קויפמאן** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>לרגל שמחת **הולדת נכדתו** למזל טוב | מוה"ר **אלחנן שלמה זלמן שווארטץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>לרגל שמחת **הולדת הבת** למזל טוב | מוה"ר **שמואל דוד ראפאפארט** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>לרגל שמחת **אירוסי בתו** עם הבה"ח **אהרן הכהן קאהן**, למזל טוב | מוה"ר **שמחה ריינער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>לרגל שמחת **הולדת הבת** למזל טוב |

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה

[גג] עי' שיש"ק (הישן) ח"ה, ק"ז.